NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11168

DER TSAR FUN AN ALTN KATORZHNIK

Pyer Loti

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY





NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG



MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center



The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַרלאַג „די נייע יידישע פאָלקס־שול"

פּיער לאָטי.

דער צַער פון אַן אלטן קאַטאָרזשניק

יידיש ש. באַסטאָמסקי.



ווילנע—1923

דרוקעריי ש. פּ. גאַרבער זאַוואַלנע 25.

דער פארלאג „די נייע יידישע פאָלקסשול" האָט שוין
ארויסגעגעבן פאָלגנדיקע ביכער:

א) לערנביכער:

1. אילוסטרירטער אריטמעטישער רעכנבוך (פאַרן 1-טן לערניאָר) באארבעט לויט שטעקלין און אנדערע פון ש. באסטאָמסקי. (2 אויפלאגעס)

2. אריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער הונדערט) באארבעט לויט שטעקלין און אנדערע פון ש. באסטאָמסקי.

3. אריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער טויזנט) פון ש. באסטאמסקי. (8 אויפלאגעס)

4. אריטמעטישער רעכנבוך (פלעדלדיקע צאָלן). פון ש. באסטאמסקי. (4 אויפלאגעס)

5. אריטמעטישער רעכנבוך (ברוכצאָלן) פון ש. באסטאמסקי און ל. הורוויץ. (4 אויפלאגעס)
מיט א ביילאגע פון דער טערמינאלאגיע פון אריטמעטיק אויסגעארבעט פון א קאמיסיע ביי דער ווילנער יידישער לערער-געזעלשאַפט.

6. ש. באסטאָמסקי און מ. חיימסאָן—„לעבעדיקע קלאנגען" א רייך-אילוסטרירטער א"ב

7. „לעבעדיקע קלאנגען". כרעסטאָמאטיע פאַרן ערשטן לערניאָר
די „לעבעדיקע קלאנגען" זיינען באשטעטיקט פון א קאָמיסיע לערער ביים ווילנער צ. ב. ק.

—„לעבעדיקע קלאנגען"— כרעסטאמאטיע פארן 2-טן לערניאר.
פון ש. באסטאָמסקי און מ. חיימסאָן.

„דער נייער לערער"—זאמלונג פון שריפטלעכע איבונגען צו באזונדערע אויסצולייגן די געדאנקען.

אריטמעטישער רעכנבוך—לעצטער טייל (פראָצענטן, דיסקאָנט, דרייעללי א. א.)

מעטאָדישע אָנווייזונגען צו „די לעבעדיקע קלאנגען" מיט א פרוט-פראָגראַם פון יידיש פאַר דעם 1-טן לערניאָר.

פאַרלאַג „די נייע יידישע פאָלקס־שול"

פיער לאָטי.

דער צער פון
אן אלטן קאטאָרזשניק

יידיש ש. באסטאָמסקי.



ווילנע—1923

דרוקעריי ש. פ. גארבער זאַוואַלנע 25.

„Der Zaar von ein Katorsznik"

bajka narodowa

S. Bastomskiego.

Wilno, Druk. F. Garbera, Zawalna 25.

1923.

דידאָזיקע רירנדיקע געשיכטע האָט מיר דערציילט מײַנער אַ פרײַנד אַ מאַטראָס איוו, וואָס האָט געדינט מיט מיר אויף איין שיף.

איינמאָל פאַרנאַכטלעך איז אים אויסגעקומען אַריבערצופירן אין אַ קליין שיפל עטלעכע פאַרברעכער, וואָס מע האָט געדאַרפט אָפּשיקן אויף אַ ווײַסן אינזל קיין ניי-קאַלעדאָניע. צווישן די פאַרברעכער האָט זיך געפונען איינער אַן אַלטער קאַטאָרזשניק פון אַ יאָר זיבעציק, וואָס האָט מיטגעפירט מיט זיך אין אַ קליין שטײַגעלע אַן איינפאַכן וואָראַבייטשיקל.

דער אַלטער האָט אַזוי זאָרגעוודיק אָפּגעהיט דאָס פייגעלע, מיט אַזוי פיל ליבע און צערטלעכקייט זיך באַצויגן צו דעם, אַז איוו האָט זיך ניט ווילנדיק אָפּגעשטעלט קוקן אויף זיי.

דער אומגליקלעכער זקן איז געווען צונויפגעשמידט מיט אַ קייט צוזאַמען מיט נאָך איינעם אַ יונגן פאַרברעכער. דער יונגער קאַטאָרזשניק האָט אָפּגעלאַכט פון זײַן אַלטן שכן און חוזק געמאַכט פון זײַן צאַרטער ליבע צום קליינעם פייגעלע.

איוו האָט פאַרפירט מיטן אַלטן אַ שמועס און איז געוואָר געוואָרן, אַז דער אַלטער איז שוין פון יאָרן לאַנג אַ גזלן און מע פאַרהאַלט אים שוין צום פינפטן אָדער צום

זעקסטן מאָל, דער גזלן האָט אומעטיק געקוקט אויף איוון און געשעדט: — שווער זיך אָפּצוגעוווינען פון דערדאָזי־קער מלאכה!.. גלויב מיר, איך האָב ניט געוואָלט גיין אויף דעם וועג. איך האָב פיל מאָל געזוכט אַרבעט. האָט מיך אָבער קיינער ניט געוואָלט קענען... און עסן דאַרף מען דאָך. די נשמה אויסשפייען קען מען ניט — האָב איך זיך ווידער גענו־מען צו דערזעלביקער מלאכה. דעם לעצטן מאָל האָט מען מיך פאַרמשפט דערפאַר, וואָס איך האָב אָפּגעצויגן פון אַ פעלד אַ זאַק מיט קאַרטאָפל. נו, פאַרמשפט — מאַרפאַלן! אָבער וואָס פאַרשיקט מען מיין געביין אין אַזאַ ווייטעניש? צי דען האָבן זיי מיך ניט געקאָנט לאָזן רויק שטאַרבן אין פראַנקרייך? איך בין שוין אַלט... ניט פיל שוין פאַרבליבן צו לעבן אויף דער וועלט...

און אַ גליקלעכער, וואָס ס'האָט זיך געפונען אַ מענטש וואָס האָט אים אויסגעהאָרכט מיט מיטגעפיל, האָט דער אַל־טער מיט שטאָלץ באַוויזן איוון זיין טייערן אוצר, די איינ־ציקע צירונג, וואָס ער פאַרמאָגט — דאָס קליין פייגעלע אין שטייגל.

דאָס איז געווען אַן איינפאַך צוגעוויינט וואָראָביי־טשיק, וואָס האָט גוט געקענט דעם קול פון זיין באַלעבאָס.

ס'איז קאָנטיק געווען, אַז דער אַלטער פאַרגרעב־טער גזלן און דאָס קליין גראָ פייגעלע זיינען גרויסע פריינד.

— מ'האָט געדאַרפט זען — האָט איוו דערציילט — ווי ס'האָט אָפּגעלעבט דאָס קָנים פון דעם אַלטן פאַרברעכער וואָס פאַר אַ שטאָלץ עס האָט זיך אָנגעצונדן אין זיינע מאַטע אויגן בשעת ער האָט דערציילט וועגן זיין ליבלינג.

אַ גאַנץ יאָר האָט דאָס פייגעלע פאַרבראַכט מיט אים אין תפיסה.

גאַנצע טעג פלעגט עס דאָרט אָפּזיצן ביי אים אויפן אַקסל!
קיינער ווייס ניט, וויפיל מי ס'האָט אים געקאָסט, איידער ער האָט באַקומען אַן ערלויבעניש מיטצונעמען זיין קליינעם פריינד קיין קאַלעדאָניע. הייגט איידער עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו מאַכן פאַרן פייגעלע אַ שטייגל, וואָס זאָל טויגן אויף אַזאַ ווייטן וועג! וויפיל זאָרג, וויפיל צרות עס זיינען דערביי געווען! מע האָט געדאַרפט קריגן האָלץ, דראָט, אַ ביסעלע גרינע פ... דאָס שטייגעלע אויסצופוצן ...
נעבאַכדיק וואָראָבייטשיקל, מער ווי שמוציק תפיסה־ברויט האָט עס אין דעם שטייגל ניט געפונען! ..
ניט געקוקט אָבער אויף דעם, איז דאָס ברעקל־פייגעלע געווען זייער צופרידן און פריילעך אַרומגעשפּרונגען איבערן שטייגל.

אין עטלעכע שעה אַרום איז אויסגעקומען איוון וויי־דעראַמאָל צו גיין פאַרביי דעם אַלטן קאַטאָרזשניק. די שיף איז שוין געווען גרייט צום אָפּפאָרן. איוו האָט שוין געהאַט פאַרגעסן אָן דער פריערדיקער באַקאַנטשאַפט. פלוצלונג האָט אים עמיצער פאַרזיכטיק אָנגערירט פאַרן אַרבל. איוו האָט זיך אומגעקוקט און דערזען דעם באַקאַנטן קאַטאָרזשניק.
אָבער וואָס איז דאָס מיטאַמאָל מיט אים געוואָרן?
פאַר די עטלעכע שעה האָט ער זיך אַזוי אומגעביטן! סאַר אַ צער, סאַר אַ שטומער טרויער עס איז געווען אויסגעגאָסן אויף דעם קראַנקן אַלטן פּנים!
— נאַט אייך, נעמט דאָס צו! — האָט דער אַלטער געזאָגט צו איוון און זיין קול איז שוין אויך געווען גאַר

אַן אַנדערער — שטיל אָפּגעהאַקט, צעבראָכן . . .

איוו האָט פאַרוווּנדערט געקוקט אויף אים.

דער קאַטאָרזשניק האָט אים געשטופּט אין די הענט אַריין דאָס באַקאַנטע גרינע שטייגעלע.

— נעמט, ס׳וועט אייך אפשר צוניץ קומען!

מעדאַרף ניט, מעדאַרף ניט! — האָט איוו פאַרוווּנדערט געזאָגט — איר מוזט עס נעמען מיט זיך פאַרן וואָראָבייטשיקל. איר וועט דאָרט פון דעם קליינעם חברל אַ סך נחת האָבן!

— אַך, — האָט דער אַלטער אָפּגעזיפצט — ניטאָ שוין קיין וואָראָבייטשיקל אין שטייגל! ... ניטאָ!.. איר ווייסט נאָך, ווייזט אויס, גאָרניט. פוסט איז דאָס שטייגל געבליבן.

און צוויי זודיקע טרערן, עדות פון דעם שרעקלעכן צער זיינען אַראָפּגערונען איבער זיינע איינגעפאַלענע באַקן

ער האָט גענומען דערציילן איוון די טרויערדיקע געשיכטע.

ער ווייס ניט ווי אַזוי עס האָט זיך פונאַנדערגעעפנט דאָס טירל פון שטייגל — דאָס דערשראָקן פייגעלע איז אַרויסגעפלויגן און איז באַלד אַריינגעפאַלן אין ים אַריין. עס האָט נעבעך קיין כח ניט געהאַט צו פליען, ווייל איין פליגל איז ביי אים געווען אונטערגעשניטן ...

— גאָט, סאַר אַ שרעקלעכער מאָמענט דאָס איז געווען!... איך האָב מיט מיינע אויגן געדאַרפט צוזען, ווי עס האָט זיך געראַנגלט, געמאַטערט ... אַ האַסטיקער שטראָם האָט אים לסוף אַוועקגעשלעפּט ווייט, ווייט... איך האָב אַלץ געזען און ניט געקאָנט קומען אים צו הילף! ...

אין דער ערשטער מינוט האָט דער אַלטער געוואָלט שרייען, רופן צו הילף, לויפן זוכן איוון, דעם איינציקן, וואָס

האָט געערדט מיט אים ווי מיט אַ מענטשן, בעטן אים, פאַלן צו זיינע פיס, ער זאָל ראַטעווען דאָס פייגעלע. ער האָט אָבער באַלד פאַרשטאַנען, אַז ס'וועט קיין זאַך ניט העלפן. ווער וועט רחמנות האָבן אויפן פייגעלע פון אַזאַ אומגליק־לעכן? קיינער וועט אים אפילו ניט וועלן אויסהערן. צו דעם קען ער זיך גאָר דערוועגן צו טראַכטן, אַז מע וועט אָפּהאַלטן די שיף, כדי אַרויסצוראַטעווען פון וואַסער דעם וואָראָ־בייטשיקל — דאָס אומגליקלעכע פייגעלע פון דעם אַלטן קאָ־טאָרזשניק? ... ווער וועט דאָס טאָן?

און דער אַלטער איז געבליבן ווי צוגעשמידט צום אָרט און, ניט אַראָפּנעמענדיק דאָס אויג, געזען ווי דאָס קערפּערל האָט זיך געשלאָגן און געצאַפּלט און איז ענדלעך פאַר־לאָרן געגאַנגען אין דעם ווייטן ווייסן ים־שוים.

אין יענער מינוט האָט ער זיך דערפילט איינזאַם, שרעקלעך איינזאַם אויפן גאַנצן לעבן, און שטיקער טרערן — טרערן פון שטומען שרעקלעכן יאוש האָבן געגאָסן פון זיינע אויגן.

און אין דערזעלביקער צייט האָט דער יונגער חבר, וואָס איז געווען צוגעשמידט צו אים מיט איין קייט, גע־שפּאָט און געלאַכט פון אים, געלאַכט פון דעם וויינענדיקן אַלטן מאַן.

איצט האָט שוין דער אַלטער ניט קיין פייגעלע און וויל דעריבער ניט איבערלאָזן ביי זיך דאָס שטייגל. וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל זאָרג צוגעגרייט פאַר זיין אומגעקו־מענעם קליינעם פריינד.

און ער האָט דאָס איצט געוואָלט איבערגעבן דעם גוטהאַר־ציקן מאַטראָס, וואָס האָט אויסגעהערט די געשיכטע. ער האָט אים

געוואָלט איבערלאָזן אַן אָנדענק פאַרן אָפּפאָרן אין דער ווייטער און געוויס שוין לעצטער רייזע זיינער.

איוון איז געוואָרן שווער אויפן האַרצן. ער האָט צו־גענומען די מתנה, וועלנדיק מיט דעם אויף וויפיל ביט איז פאַרלייכטערן דעם שרעקלעכן צער פון דעם אומגליקלעכן זקן. ער האָט צוגענומען דאָס ליידיקע שטייגל, וואָס האָט געקאָסט דעם אַלטן אַזוי פיל מי, און וואָס ער האָט אַזוי געשעצט.

מיר דאַכט, אַז איך האָב ניט געקאָנט איבערגעבן קיין הונדערטס־חלק פון דעם שווערן איינדרוק, וואָס איך האָב אַרויסגעטראָגן אויסהערנדיק די טרויעריקע דערציילונג.

ס'איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט און איך האָב זיך שוין געוואָלט לייגן שלאָפן. דער געדאַנק וועגן דעם אַלטן קאַטאָרזשניק איז מיר אָבער פון קאָפּ ניטאַרויס. אויפן האַרצן איז געוואָרן שרעקלעך שווער.

— אפשר קען מען אים מיט וואָס עס איז טרייסטן, — האָב איך זיך אָפּגערופן צו איוון — צושיקן אים אַן אַנ־דער פייגעלע. —

— איך האָב שוין געטראַכט וועגן דעם — האָט איוו געענטפערט. — מ'דאַרף זיך אַראָפּכאַפּן אויפן ברעג, קויפן אַ שיין פייגעלע און מאָרגן ברענגען עס אין דעם זעלבן שטיי־געלע דעם אַלטן. מ'דאַרף דאָס נאָר מאַכן גיך, ביז וואַנען די שיף וועט אָפּגיין.

אין יענער נאַכט האָב איך לאַנג ניט געקאָנט איינ־שלאָפן. איך האָב זיך געפרייט ווי אַ קינד פון מיין גליקלעכן איינפאַל, זיך פאָרגעשטעלט פאָרויס די פרייד פון דעם אַלטן, ווען ער וועט דערזען דאָס באַקאַנטע שטייגעלע מיט אַ פייגעלע.

מיין פּלאַן האָב איך אָבער ניט אויסגעפירט.

אויף מאָרגן אינדערפרי, אַז דער ערשטער איינדרוק איז שוין אַריבער, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער צער פון דעם אַלטן קאַטאָרזשניק איז געווען ניט אַזאַ, וואָס מע זאָל אים קענען טרייסטן מיט אַן אַנדער פייגעלע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דעם אָרימען עלנטן אַלטן קאַטאָרזשניק וועט אפילו דאָס זיעלטנסטע גן-עדן פייגעלע ניט פאַרבייטן דעם איינפאַכן גראָען וואָראָבייטשיקל מיט דעם אונטערגעשאָרענעם פליגל... נאָר דאָס אומגעקומענע פייגעלע האָט אויפגעוועקט אין זיין פאַרטריקנטן האַלב-אָפּגעשטאָרבענעם האַרצן אַזאַ דירנגריקע ליבע, אַזוינע טיפע צאַרטע געפילן.



אכטונג, שילער און לערער!

אין פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול“ איז ערשינען א נייע יידישע שפּיל צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי— אילוסטרירטע לאָטאָ „רעטעניש“

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן: ווילנע, סטעפ. גאַס 24 וו. 28

[illegible]

מאַטעריאַלן צום ייִדישן פֿאָלקלאָר

[illegible] און [illegible] פֿון ש. באַסטאָמסקי.

1. ייִדישע פֿאָלקסערצעלונגען – [illegible] אויסגאַבע מיט א ביילאַגע פֿון ש. אַנ [illegible] . . . . .
2. זאַמלונג פֿון ייִדישע שפּריכווערטער פֿאַר שול און פֿאַמיליע . . . .
3. ביים קוואַל I באַנד – ייִדישע שפּריכווערטער, [illegible] לאַך, רעדנסאַרטן, פֿאַרגלײַכענישן, ווינטשענישן, ברכות, שבועות, קללות, חרמות, [illegible], סגולות און [illegible].
4. ביים קוואַל II באַנד – ייִדישע פֿאָלקסלידער; 1) וויגלידער 2) קינדערלידער: א) שפּילן ב) ציילענישן ג) [illegible] [illegible], שפּאַס־און שפּאָטלידער; ד) פֿאַרשיידענע קינדער־לידער; 3) לידער פֿון חדר און פֿון דער ישיבה; 4) ליבעלידער; 5) [illegible] לידער ([illegible] און [illegible] ליבע א. א.); 6) התקבלה און חתונה לידערן; 7) [illegible] לידערן; 8) פּורים און [illegible] לידערן; 9) [illegible] לידערן; 10) [illegible] לידערן; 11) [illegible] לידער; 12) [illegible] און חסידישע לידערן; 13) ייִדישע לידער אין אַנדערע שפּראַכן; 14) מלחמה לידערן; 15) [illegible] און פֿאָלקס־[illegible]; 16) [illegible]; 17) [illegible].

אײנגעבן ערשײנט:

1. דער [illegible] – [illegible] פֿון [illegible] איבונגען
2. [illegible] רעכנבוך [illegible] [illegible] ([illegible], [illegible] א. א.) . . . .
3. [illegible] צו די [illegible] קלאַנגען" [illegible] ייִדיש פֿאַר [illegible] .
4. [illegible] פֿאַר די עלטערע קלאַסן . . . .